# קיצורים

שלום לוריא

## ר׳ אליהו בחורס ׳בבֿא בוך׳

דער עולם פֿון העברעיש־לייענערס און העברעיש־קענערס איז באַקאַנט מיט אליהו בחורס וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן, דער עיקר מיט זײַנע אויפֿטוען אויפֿן געביט פֿון העברעישער גראַמאַטיק. ווייניק ווער עס האָט אַן אַנונג וועגן אליהו בחורס ריטער־ראָמאַנען אויף ייִדיש, געגראַמטע אין פֿערזן לויטן נוסח פֿון ׳אָטאַוואַ רימאַ׳. און ווער שטעלט זיך פֿאָר, אַז אינעם ווערטל ׳באָבע־מעשה׳ מיינט מען גאָר ניט קיין באָבען, נאָר דעם פֿרינץ און ריטער בבֿא פֿון אַנטונאַ?
דער אַרטיקל דערציילט וועגן דעם מחבר, און שטעלט פֿאָר זײַן ׳בבֿא־בוך׳ אַזוי ווי ער שטייט און גייט.
צום סוף ווערט אין אַ צוגאָב דערציילט בקיצור דער גאַנצער ראָמאַן טריט־בײַ־טריט. די ביבליאָגראַפֿישע רשימה קען דינען פֿאַר אַן אָנצוהערעניש ווי ווײַט און ברייט די טעמע איז שוין געווען באַהאַנדלט אין פּרטי פּרטים.

שמואל ווערסעס

## די פּיעסע ׳מלוכת שאול׳ אין אַ ייִדישער איבעזעצונג

דער מחבר פֿאָרשט די ייִדישע איבערזעצונג פֿון יוסף האפֿרתיס העברעיִשן ׳מלוכת שאול׳ (1794). דאָס איז געווען איינע פֿון די אָריגינעלע און צענטראַלע ווערק, וואָס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דער העברעיִשער השׂכּלה־ליטעראַטור.
די ייִדישע איבערזעצונג, וועלכע איז אַרויס דעם ערשטן מאָל פֿון דרוק אין 1801, איז שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרן זיבעצן מאָל אין משך פֿון 19־טן יאָרהונדערט. אָבער יעדע אויפֿלאַגע האָט געהאַט איר צוגאַנג, איר טעם און טאָן, און אַזוי אַרום זײַנען אַרײַנגעפֿלאָכטן געוואָרן דיאַלעקטישע און סטיליסטישע ענדערונגען, תּמיד צוגעפּאַסט פֿאַרן קאָנקרעטן לייענער־עולם.
עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די אַ ענדערונגען האָבן פּרינציפּיעל משנה געווען די פּיעסע, וועלכע איז פֿאַוואָליע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן פֿון אַ ריין משׂכּיליש ווערק אין אַ פּרום־טראַדיציאָנעלן נוסח, אַז אַפֿילו די צוויי צענטראַלע פֿיגורן — שאול און דוד — האָבן געביטן זייערע באַציונגען אײַנער צום צווייטן און מען האָט בכלל

פּאַוואָליע פֿאַרגעסן מודיע צו זײַן װער עס האָט די פּיעסע אָנגעשריבן. די אָ טענדענץ האָט, פֿאַרשטייט זיך, דיקטירט צוצוגעבן און אויסצומעקן אין טעקסט גאָר אַ סקרופּולן אַלץ וואָס מען האָט געהאַלטן פֿאַר נייטיק.

## עליסא קווינט

# אַבֿרהם גאָלדפֿאַדענס ׳בר־כּוכבא׳

דער אַרטיקל שטעלט פֿאָר דעם אינהאַלט פֿון גאָלדפֿאַדענס היסטאָרישער דראַמע ׳בר־כּוכבא׳, וואָס האָט אַרויסגערופֿן בשעת־מעשׂה אַ פּאָלעמיק צווישן די גאָלדפֿאַדען־פֿאָרשערס. נאָך אַ ריי פֿון איראָניש־סאַטירישע פּיעסן און משונהדיק־אומגעלומפּערטע פּערזאָנען (ווי, למשל, שמענדריק אָדער קוני לעמל) האָט זיך גאָלדפֿאַדען געפֿעדערט אָנצושרײַבן און פֿאָרצושטעלן צוויי נאַציאָנאַל־פּאַטעטישע ווערק: ׳שולמית׳ און ׳בר־כּוכבא׳.

דאָ ווערט באַוויזן, אַז גאָלדפֿאַדען האָט געזוכט צו געפֿינען דעם מאַטעריאַל, וואָס איז געווען באַליבט בײַ זײַן עולם טעאַטער־ליבהאָבערס און ער האָט אַרויסגעפֿונען, אַז אין די 80־ער שווערע יאָרן וועט זײַן פּובליק זייער גערן אויפֿנעמען אַ היסטאָריש־דראַמאַטישע טעמע. קלמן שולמאַנס ׳הריסות ביתר׳ האָט אים געגעבן דעם מאַטעריאַל דערצו.

גאָלדפֿאַדען שטעלט אויף די היסטאָריש־פּראָבלעמאַטישע טעמע גאָר ניט איינזײַטיק, נײַערט פֿײַנפֿיליק און טיפֿזיניק.

## מענדעלע מוכר־ספֿרים

# אַ פּורים־שפּיל אַרײַנגעפֿלאָכטן אין אַ פּיעסע

מענדעלע האָט ניט איין מאָל זיך באַדינט מיט אַ פּורים־שפּיל קינסטלעריש אַרײַנצוגלידערן אַ כּלומערשט זײַטיקן עלעמענט, כּדי צו שאַפֿן אַן איראָניש־משונהדיקע סיטואַציע. אַזוי געשעט אין זעקסטן קאַפּיטל פֿון ווינטשפֿינגערל (׳בימי רבי שמעלקע׳) און אַזוי אויך ווערט אַ שטיקל פּורים־שפּיל אַרײַנגעפֿלאָכטן אין מענדעלעס דער פּריזיוו. מיר ברענגען דאָ אָטאָ דעם פּורים־שפּיל לויטן ערשטן נוסח פֿונעם כּתבֿ־יד כּמנהג ייִד, באַגלייט מיט אַ העברעיִשער איבערזעצונג.

## זאב (וועלוול) טשערנין

# שמעון שמואל פֿרוג — צווישן רוסיש און ייִדיש

שמעון שמואל פֿרוג (1916–1860) איז געווען אַ ווונדערלעכער דיכטער אויף צוויי־שפּראַכן. זײַן פּאָעזיע איז געווען ייִדיש אויף בײדע לשונות.

צוויי שפּראַכיקייט איז ניט געווען קיין נאָווינע אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 19־טן י"ה. פֿרוג האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַנע זיס־מעלאָדישע לירישע לידער. ער האָט ניט נאָכגעמאַכט די ייִדישע פֿאָלקס־לידער, וואָס דער עולם פֿלעגט זינגען. ער איז געווען נײַ און אָריגינעל און האָט אַרײַנגעפּאָדעמט אַ גאָר וויכטיקע טעמע אין דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע.

קריטיקערס (דובנאָוו, למשל) האָבן געהאַלטן, אַז זײַן פּאָעזיע אויף רוסיש איז בעסער און טיפֿער און שלמותדיקער, איידער זײַנע ווערק אויף ייִדיש.

פֿרוג האָט באַוויזן אין זײַן שאַפֿונג די טיפֿענישן פֿון ייִדישע נאַציאָנאַל־היסטאָרישע מאָטיוון, וואָס ער פֿלעגט שעפּן פֿון תּנ"ך און פֿון תּלמוד.

דער אַרטיקל ברענגט ווי אַ משל דאָס ליד וועגן דעם גאָלדענעם עגל (אויף רוסיש, אויף ייִדיש און אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג) מיט אַן אויספֿירלעכן אַנאַליז.

## בער באָראָכאָוו

# אויפֿן קבֿר פֿון שמעון פֿרוג

בער באָראָכאָווס הספּד אויפֿן פֿרישן קבֿר פֿון זײַן באַליבטן דיכטער — אין בײדע שפּראַכן! — צייכנט אָן אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון בײדע פּערזענלעכקייטן: דעם ליריש־איידעלן און האַרמאָניש־טיפֿזיניקן פּאָעט און דעם דרײַסטן דענקער, פֿאָרשער, קירטיקער און קעמפֿער פֿאַר זײַן פֿאָלק, אין גײַסט פֿון סאָציאַליסטישן ציוניזם.

אויסדריקנדיק זײַן ליבשאַפֿט און כּבֿוד פֿאַרן קינסטלער קריטיקירט באָראָכאָוו זײַן צוגאַנג צו ייִדיש, די שפּראַך פֿון פֿאָלק, אויף וועלכער ער האָט געשאַפֿן אַזעלכע שיינע לידער. ער באַדויערט שטאַרק פֿרוגס ווידערווילן כּלפּי דעם לעבעדיקן שטראָם פֿונעם קולטור־אויפֿברויז אויף ייִדיש.

אַבֿנר האָלצמאַן

# מאיר בעל־גוף

עס רעדט זיך דאָ וועגן מיכה יוסף בערדיטשעווסקיס דערציילונג ׳פֿון דער סלוזשבע׳, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין 1904טן יאָר, אין סאַמע ברען פֿון זײַן קורצער קאַריערע ווי אַ ייִדישער שרײַבער. די דערציילונג האָט ער געשריבן על פּי אַבֿרהם רייזענס אַ באַשטעלונג פֿאַר זײַן וואָכן־זשורנאַל ׳דאָס ייִדישע וואָרט׳. פֿאַקטיש איז זי אַרויס אין דרוק ערשט מיט זיבן יאָר שפּעטער אין דער ערשטער אויפֿלאַגע פֿון בערדיטשעווסקיס געזאַמלטע שריפֿטן אויף ייִדיש.

׳פֿון דער סלוזשבע׳ שפּיגלט אָפּ דעם מחברס טענדענצן אין זײַנע ווערק אויף ייִדיש. דהיינו: פֿאַרצושטעלן אַ פּשוטן חי־וקיים, אַ פֿאָלק־מענטש, וואָס זײַנע אינסטינקטיווע באַדערפֿענישן קענען באַפֿרידיקט ווערן נאָר דורכברעכנדיק די מנהגים און כּללים פֿון דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער געזעלשאַפֿט. די מעשׂה שטיצט זיך אויף אַ משונהדיקער ניט־צוגעפּאַסטקייט צווישן אַ פֿאַרפֿאָלק, וואָס שטאַמט ממש פֿון אַ אומגעלומפּערטער שידוך־מאַכערײַקע. אויסער דעם דריקט דער מחבר אויס אַ גאַנץ אַנדער, מער פּאָזיטיוון צוגאַנג צו דעם מיליטערישן דינסט פֿון ייִדישע יונגע־לײַט.

די קורצינקע דערציילונג איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן מחברס מיינונגען און אויסבליקן.

מרים טרין

# אַנטיציפּאַציע פֿונעם חורבן אין אהרן צייטלינס פּאָעטישע ווערק

דער אַרטיקל איז אַ פּרוּוו זיך צו באַשעפֿטיקן פּרטימדיק מיט דער פֿראַגע: ״צי מעג מען רעדן וועגן אַ קינסטלעריש־קאָנקרעטן פֿאָרגעפֿיל פֿון דעם נאָענטן חורבן?״ דער פּאָזיטיוור ענטפֿער וואָס מע לייגט דאָ פֿאָר איז אַ פּועל־יוצא פֿון באַטראַכטונגען פֿון אהרן צייטלינס פּאָעטישע ווערק אין די 20־ער און 30־ער יאָרן. די ליטעראַרישע אינטערפּרעטאַציע האָט, דוכט זיך, אויפֿגעדעקט אַ גאַנצן סימבאָלישן תּחום וואָס ווײַזט קלאָר, אַז אַ טייל פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור פֿאַרן חורבן איז טאַקע געשאַפֿן געוואָרן פֿון אַן אַפּאָקאַליפּטישער שטימונג און דווקא צוליב דעם אומזיכערן געפֿיל לגבי דער ייִדישער צוקונפֿט. די סימבאָליק וואָס רעדט צום לייענער פֿון צייטלינס שורות אַרויס איז באַזונדערש אינטערעסאַנט, ווײַל זי שפּיגלט אָפּ דעם רײַכן באַגריף־אוצר פֿון דער ייִדישער קולטור. אין זײַן פּאָעטישער שפּראַך פֿאַרקניפּט צייטלין דאָס אַקטועלע

היסטאָריש־פּאָליטישע געפּיל מיט דעם טראַדיציאָנעל־קולטורעלן שטייגער אויסצוטײַטשן אַזאַ געפּיל אין אַ ייִדיש עקזיסטענציאַליסטישער, אָבער אויך ייִדיש־מיסטישער רעם.

בלהה רובינשטיין

## יצחק באַשעוויס־זינגערס ׳גימפּל תּם׳ און ׳מעשׂה טישעוויץ׳

די צוויי דערציילונגען, בײַדע געשריבן אויף אַן ׳איך׳־שטייגער, שטעלן מיט זיך פֿאָר צוויי קאַטעגאָריעס אין באַשעוויס־זינגערס ווערק: די הומאַניש־מענטשלעכע און די שדיש־לצישע. פֿאַרגלײַכנדיק ווערן בולט די צוויי דערציילערס — דער מענטש און דער שד — און זייערע טעמאַטישע און פּאָעטישע אייגנשאַפֿטן.

דער דאָפּלטער טײַטש פֿונעם וואָרט ׳תּם׳ (נאַיוו־נאַריש, אָדער ריין־אומשולדיק) איז אַ שליסל צו גימפּלס דערציילונג. דער עולם פֿון פֿראַמפּאָל האָט געהאַלטן גימפּלען פֿאַר אַ נאַר, און דאָס איז, משמעות, דעם דערציילערס קוק און מיינונג. צום סוף קומט גימפּל אַרויס ווי אַ צדיק, וועלכער דערגייט צו דעם אמתן אונטערשייד צווישן ׳אמת׳ און ׳שקר׳, צווישן ׳רעאַל׳ און ׳פֿיקטיוו׳.

׳מעשׂה טישעוויץ׳ איז ממש אַ קלאָגליד וואָס באַווײַנט דעם ייִדישן קיום אין אַ שטעטל נאָכן חורבן. דער דערציילער איז אַ שד. פֿון זײַן טײַוואָלאָנישן שטאַנדפּונקט שטרײַכט ער אונטער דאָס וואָס איז געשען און מאַכט פּאַראַדאָקסאַל הילכער די קלאָג־טענער.

ביידע דערציילונגען זײַנען פֿאַרוואָרצלט אין ייִדיש־טראַדיציאָנעלן קיום, וואָס ווערט פֿאָרגעשטעלט אויף אַ הויך־מאָדערנעם שטייגער.

יוסף בר־אל

## אין שטורמישן געוויטער

דער קורצער עסיי שטעלט פֿאָר די קאָלירפֿולע פּערזענלעכקייט פֿון דעם ווירטואָזן שרײַבשטעלער משה נאַדיר, וועלכער איז געווען אַ פּאָעט מיט אַלע חן־גריבעלעך, וואָס פֿלעגט פֿײַער־שרײַענדיק דענערווירן די מער סאָלידע ייִדישע געזעלשאַפֿט־לעבע קרײַזן. אַפֿילו די קאָמוניסטן, וואָס פֿלעגן לעקן די פֿינגער פֿון זײַן ׳מיט פּען און ביקס׳, זענען געבליבן געפּלעפֿט, ווען ער האָט זיי פֿאַרלאָזן.

דער עסיי וויל אַזוי ווי אויפֿהייבן אַ געשרײַ: ״אָ, נאַדיר!״ — הגם די פּאָלעמיק אַרום זיינע אָקסימאָראָנישע פּאַראַדאָקסן וועט משמעות קיין מאָל ניט אויסגעוועפּט ווערן. ווי אַ צוגאָב ברענגען מיר דאָ עטלעכע פֿראַגמענטן פֿון הערץ

גראָסבאַרדס אָפּקלייב נאַדיריזמען (תל־אביב, 1973), מיט פּראָפּ׳ יוסף בר־אלס איבערזעצונג אויף העברעיִש.

## תּמר וואָלף־מאָנסאָן

# וועגן אורי צבֿי גרינבערגס צווייִשפּראַכיקן אויפֿבּרויז

אורי צבֿי גרינבערגס אַרייַנפֿיר צו זיַין ערשטן ארץ־ישׂראלדיקן פּאָעטישן בוך אימה גדולה וירח (די גרויסע שרעק און די לבֿנה), וואָס איז אַרויס אין 1925סטן יאָר, איז אין פֿאָרם און אינהאַלט אַ דערשײַנונג אַ מיוחדת־במינה. ער פּאָלעמיזירט אָפֿן מיט זײַנע קריטיקערס און מיט דעם ליטעראַרישן עולם פֿון זײַן דור און תּוך־כּדי־דיבור ברענגט ער אַרויס דעם פּאָעטישן שליסל צו זײַן ווערק.

אין אַ נײַ־אָפּגעפֿונענעם נוסח פֿון דעם אָ אַרײַנפֿיר באַמערקט דער מחבר, אַז ׳אימה גדולה וירח׳ איז ״אַ העברעיִשער ברודער פֿון זײַן ייִדישן ׳מעפֿיסטאָ׳״. ׳מעפֿיסטאָ׳ איז אַרויס תּחילת אין לעמבערג (1921) און שפּעטער, אין אַן אויספֿירלעכערן נוסח — אין 1922.

דער אַרטיקל איז אַ פּרוּוו צו פֿאַרגלײַכן די צוויי גוואַלדיקע לידער־ווערק און אָנווײַזן אויף די שטריכן פֿון גרינבערגס צווייִשפּראַכיקן אויפֿבּרויז.

## זיוה שמיר

# אָפּקלאַנג פֿון ייִדישער אידיאָמאַטיק בײַ נתן אַלטערמאַנען

אַלטערמאַנס שריפֿטן זײַנען גאַנץ אָפֿט כאַראַקטעריזירט ווי אַ טיפּישער פּראָדוקט פֿונעם נײַעם ארצישׂראלדיקן העברעיִש. פֿון דעסט וועגן קען מען לייענענדיק געפֿינען בײַ אים אַ גאַנצע שורה פֿון ייִדישע אידיאָמען, ווי אויך חסידישע מאָטיוון.

דער מיוחד־במינודיקער געמיש פֿון ׳מזרח׳ און ׳מערבֿ׳ שטאַמט בײַ אַלטערמאַנען פֿון ביאָגראַפֿישע וואָרצלען, אָבער דער עסיי זוכט זײַנע פּאָעטיש־סטיליסטישע צוזאַמענבויונגען. אויסגעפֿינענדיק, אַז אַ דאַנק אַלטערמאַנס נייגונג צו פּאַראַדאָקסאַלע אויסדרוקן און פֿאַרבינדונגען, ווערט פֿאַרשטענדלעך זײַן שעפּן פֿון די אוצרות פֿון ייִדישער אידיאָמאַטיק. דאָס איז בײַ אים אַן אופֿן פֿאַרצושטעלן די צוזאַמענגעשמאָלצענע ניגודים פֿון נאָענט און ווײַט, פֿאַמיליער און פֿרעמד, טראַדיציע און מאָדערניזם, גרויס שטאָטישקייט און קלייך־שטעטלדיקייט, הומאַניזם און אוממענטשלעכקייט.

דער אָ צוגאַנג איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַלטערמאַנס סטיל און וועלט־באַנעם.

## יחיאל שיינטוך

# די טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ און די ייִדישע קולטור

די טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ אין 1908 איז פֿאַקטיש פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דיסקוסיע וועגן דער מאָדערנער ייִדישער קולטור.

מע קען זיך צוקוקן צו דער קאָנפֿערענץ פֿון צוויי קוק־ווינקלען:

1) לויט דער כּוונה פֿון אירע איניציאַטאָרן, ווי אַ געלעגנהייט פֿאַרצושטעלן און באַרײַכערן גײַסטיק די ייִדישע קולטור.

2) לויט די רעזולטאַטן, ווי אַ געשעעניש, וואָס האָט קולטורעל און געזעלשאַפֿטלעך צעשפּאָלטן די ייִדישע קולטורעלע געזעלשאַפֿט און געווירקט נעגאַטיוו אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער קולטור.

גערעדט האָט מען דאָרט ניט נאָר וועגן דער ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור, טעאַטער, פּרעסע, דערציִונג אא"וו, ווי מען האָט געהאַט בדעה לויטן פּלאַן, נײַערט דווקא וועגן דער אָנערקענונג פֿון ייִדיש ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פֿון ייִדישן פֿאָלק (פּונקט 7 פֿונעם געפּלאַנטן סדר־יום).

דער אַרטיקל באַהאַנדלט די טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ ווי אַ קולטור־היסטאָרישע דערשײַנונג אין אַ קאָנטעקסט פֿון איר צײַט און אירע אָפּקלאַנגען ביזן הײַנטיקן טאָג.

## דב סדן

# חיים גראַדע

דער עסיי איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אויף ייִדיש צוויי מאָל:

1) **די גאָלדענע קייט** 108, 1982, ז"ז 5–11, ווי אַ הספּד נאָך דעם ווי עס איז דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעה, אַז דער גרויסער קינסטלער איז נפֿטר געוואָרן;

2) אַ צוויי יאָר שפּעטער, אין אַ זאַמלבוך פֿון דב סדנס עסייען **אין און אַרום ייִדישוואַרג**, תּל־אביב, 1984, ז"ז 76–85.

דער גוט־באַהאַוונטער געלערנטער אין דער ייִדישער — ווי אויך העברעיִשער ליטעראַטור — צייכנט אָן אין דעם עסיי דעם ליטעראַריש־ביאָגראַפֿישן פּראָפֿיל פֿון חיים גראַדע, דעם פּאָעט און פּראָזע קינסטלער, אונטערשטרייכנדיק זײַן ייִחוד צווישן די פּאָעטן פֿון 'יונג־ווילנע' און זײַן וואָרצלדיקע סמיכות צו דער קלאַסישער פּאָעזיע פֿון חיים נחמן ביאַליק.

שלום לוריא

## וועגן צוויי פּערלדיקע לידער

ווידער ווערן דאָ געבראַכט צוויי לידער, וואָס די גרויסע וואָרט־מײַסטערס דוד האָפּשטיין און אַבֿרהם סוצקעווער האָבן געשריבן און פֿאַרעפֿנטלעכט אויף ייִדיש, אין זייער אָריגינאַל און אין אַ איבערזעצונג אויף העברעיִש — און ווי געוויינלעך באַגלייט מיט אַ שטיקל פּירוש. עס רעדט זיך וועגן דוד האָפּשטיינס ליד 'שנייען' (1922) און סוצקעווערס 'איך לייג אַליין זיך ווערטער' (1965).

חיה בר־יצחק

## יהודה לייב כּהן און זײַן דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד

י"ל כּהן איז געווען איינער פֿון די פּיאָנערן פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך געפֿעדערט אויסצופֿאָרשן די גוואַלדיק גרויסע אוצרות פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר. עס ווערט דאָ פֿאָרגעשטעלט זײַן צוגאַנג און אײַנבליק אין די פּראָבלעמען, וואָס אַזאַ פֿאָרשאַרבעט פֿאָדערט. אַ באַזונדער אָרט פֿאַרנעמט בײַ אים, נאַטירלעך, די זאַמלאַרבעט פֿון דעם גוואַלדיק גרויסן און צעצווײַגטן מאַטעריאַל. זײַן גרויסער עסיי פֿאַרנעמט זיך מיטן ייִדישן פֿאָלקסליד, מיט דער דעפֿיניציע פֿון זײַן מהות און פֿאַרנעם, מיט דעם מעטאָד צו פֿאַרשרײַבן און סאָרטירן, מיט זײַנע טעמעס און וואַריאַנטן.

י"ל כּהן האָט משמעות געהאַלטן, אַז אַ 'פֿאָלקסליד' — אין פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע לירישע שאַפֿונגען — איז מער אוניווערסאַל ווי ספּעציפֿיש־נאַציאָנאַל. ווי אַ ראיה ברענגט ער די גוואַלדיק גרויסע צאָל פֿון די ליבע־לידער. אָבער ניט נאָר זיי (למשל חד גדיא).

י"ל כּהן

## דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד

איבערזעצט פֿון ייִדיש, פֿונעם בוך שטודיעס וועגן ייִדישער פֿאָלקסשאַפֿונג (ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ, ניו־יאָרק, 1952, זז' 9–42). דאָס ערשטע מאָל געדרוקט ווי אַן הקדמה צו די צוויי בענד פֿון יודישע פֿאָלקסליעדער (ניו־יאָרק, 1910, זז' LX-V).

דער וויסנשאַפֿטלעכער עסיי דאָ איז אַן ערגנצטער פּרוּוו צו דערגיין ווי ווײַט מען קען קלאָר דעפֿינירן דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד און אויך צעלייגן אין אַ לאָגישן סדר זײַנע זשאַנערן און טעמעס. דאָס איז טאַקע גאַנץ שווערלעך, מחמת די לידער זײַנען ניט נאָר פֿאַרשריבן און איבערגעשריבן געוואָרן. מען האָט זיי געזונגען. עס האָבן, פֿאַרשטייט זיך, ניט געפֿעלט קיין וואַריאַנטן פֿון די ווערטער און שורות ווי אויך אוצרות פֿון די סאַמע האַרציקסטע ניגונים.

דער מחבר ברענגט אַן אויספֿירלעכן איבערבליק איבערן אָנגעקליבענעם מאַטעריאַל מיט דער ענטוזיאַסטישער הילף פֿון פֿאָלקלאָר־ליבהאָבערס און זאַמלערס.

עס רעדט זיך וועגן אַ שלל ליבע־לידער, חתונה־לידער, לידער פֿון פֿרייד, פֿון אומעט און בענקשאַפֿט, פֿון צער און צאָרן, לידער פֿון דערוואַקסענע און קינדער.

די גרעסטע טייל לידער האָט דער מחבר אַליין געזאַמלט ממש פֿונעם פֿאָלקסמויל אַרויס אין וואַרשע אין די יאָרן 1901–1896.

בײַם סאָרטירן די לידער האָט ער אָנגעהויבן דווקא מיט די ליבע־לידער, "כּדי באַלד פֿון אָנהייב צו ציִען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿונעם לייענער־עולם אויף דאָס שענסטע און וויכטיקסטע פֿון אונדזער פֿאָלקסגעזאַנג" (ז' 41).

יצחק גנוז

# 'צען טעבטער' — אַ ייִדיש פֿאָלקסליד, וואָס די קאָלאָביעלער חסידים פֿלעגן זינגען

אין אַ רמת־גנער הויז, וואָס איז צעשטערט געוואָרן דורך אַן איראַקישער באָמבע, האָט דער מחבר געפֿונען אַ כּתבֿ־יד פֿון אַ פֿאָלקסליד, וואָס איז געווען באַקאַנט און געזונגען אין פֿיל ערטער. עס זײַנען באַקאַנט עטלעכע וואַריאַנטן פֿון אַ ליד, וועגן אַ ייִד אַ גבֿיר וואָס האָט געהאַט צען טעכטער און ער האָט זיי געדאַרפֿט באַזאָרגן. עס ווערט דאָ געבראַכט דאָס ליד אויף ייִדיש (דער אָריגינאַל) און אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג. עס ווערט דערקלערט דער נוסח און דער פֿאָן אויף וועלכן דאָס ליד האָט זיך פֿאַרשפּרייט און פֿאַרהיימישט. יתר על כּן, אַ פּירוש וואָס אַ קאָלאָביעלער חסיד, אַ בדחן, האָט פֿאַרשריבן — געזונגען אין קיעלץ.

שלמה בערגער

## דער סאַמע אָנהייב פֿון דער פּרעסע אויף ייִדיש

עס רעדט זיך דאָ וועגן אַ צײַטונג, וואָס איז אַרויס צוויי מאָל אַ וואָך, דהיינו: ׳דינסטאָגישי קוראַנט׳ און ׳פֿרײַטאָגישי קוראַנט׳. די אָ צײַטונג פֿלעגט אַרויסגיין אין אַמסטערדאַם פֿון 13־טן אויגוסט 1686 ביזן 5־טן דעצעמבער 1687.

געווען איז דאָס אַ צײַטונג אויסשליסלעך פֿאַר אינפֿאָרמאַציע, פֿאַר געשעפֿטס־לײַט און אַפֿילו סתּם סקרנים.

היות ווי אין פֿאַרשיידענע לענדער פֿון אייראָפּע האָבן זיך שוין באַוויזן צײַטונגען אין אָנהייב פֿון 17־טן יאָרהונדערט, און אין האָלאַנד פֿלעגן אַרויסגיין טאָג־צײַטונגען, מעג מען משער זײַן, אַז די אַשכּנזישע ייִדן אין אַמסטערדאַם זײַנען געווען פֿאַראינטערעסירט אין אַ צײַטונג אין זייער אייגענער שפּראַך.

דער אַרטיקל איז אַ שטיקל איבערבליק איבערן מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך פֿאַרהיט אין די ביבליאָטעק־אַרכיוון.

עס ווערט פֿאָרגעשטעלט דער נוסח פֿון דער צײַטונג, ווי אויך דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער און אויך דער געאָגראַפֿישער פֿאַרנעם פֿון אירע קאָרעס־פּאָנדענטן.

עטלעכע בײַשפּילן מאַכן קלאָר די ספּעציפֿישע אייגנשאַפֿטן פֿון דער פּרעסע אויף ייִדיש און אירע ערשטע טריט.

פּ. קליין

## די ייִדישע שפּראַך־לערע

דעם אַרטיקל האָט פֿאַרעפֿנטלעכט דער פֿילאָלאָג און ליטעראַטור־קענער זעליק קלמנאָוויטש אינעם זשורנאַל **ליטעראַרישע מאָנאַטשריפֿטן**, נומ׳ 3, אין ווילנע, אַפּריל 1908, ז״ז 60–77.

די ייִדישע שפּראַך־וויסנשאַפֿט איז אין יענער צײַט נאָך געלעגן אין די וויקעלעך און דער אינטערעס פֿאַר אַ וויסנשאַפֿטלעכן גריבלען זיך און קומען צו קלאָרע אויספֿירן איז נאָך געווען גאָר יונג. מען האָט אַפֿילו נאָך געדאַרפֿט אויסקעמפֿן די איבערצײַגונג, אַז ייִדיש איז אַ לשון פֿאַר־זיך און ניט קיין צעקאַליעטשעטער האַלב־דײַטשער ׳זשאַרגאָן׳.

דער עסיי איז אַ טיפֿזיניקער אַרײַנפֿיר אין די אמתע פּראָבלעמען פֿון ייִדיש ווי אַ קולטור־שפּראַך און אירע ספּעציפֿישע אייגנשאַפֿטן אין זייער היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

נתן זיסקינד

## באַטראַכטונגען וועגן דער געשיכטע פֿון ייִדיש*

ווי אַזוי און ווען איז ייִדיש אויפֿגעקומען, און ווי האָט זיך דאָס לשון פֿאַרשפּרייט און צעבליט — דערמיט אינטערעסירן זיך ערנצטע און טיפּזיניקע שפּראַך־ און ליטעראַטור־פֿאָרשערס.

נתן זיסקינד וויל אָנווײַזן אויף די היסטאָרישע און סאָציאַלע באַדינגונגען, פֿון וועלכע דער שפּראַך־פּראָצעס האָט זיך אַנטוויקלט. זײַן הנחה איז: ייִדן האָבן געערבט די שפּראַך פֿון זייערע גוייִשע שכנים. דער ספּעציפֿיש ייִדישער גורל — דער גלות! — האָט זיי געצוווּנגען אָן אַן אויפֿהער וואַנדערן און זיך אָפּזונדערן מיט זייער לשון, וואָס האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך עלעמענטן פֿון פֿאַרשיידענע שפּראַכן: דײַטש, העברעיִש, סלאַוויש, איטאַליעניש, אַלט־פֿראַנצויזיש. וואָס מער גלות — אַלץ מער ייִדיש.

לויט זיסקינדס מיינונג איז ייִדיש געבאָרן געוואָרן אין גלות: "גלות און שפּראַכקייט זײַנען אַ צווילינג". 1500–1350 ווערט ייִדיש דײַטש זעלבשטענדיק אַנטקעגן דײַטש אַפֿילו אויפֿן דײַטשן באָדן. די תּקופֿה איז **אַלט־ייִדיש**. 1750–1500 איז דער פּעריאָד פֿון **מיטל־ייִדיש**, 1750 — דער אָנהייב פֿון **נײַ־ייִדיש**.

יחיאל שיינטוך

## אין שפּיגל פֿון 'דער אַשמדאי' (1913–1912)

עס ווערט דאָ פֿאָרגעשטעלט אַ חודש־זשורנאַל פֿאַר הומאָר און סאַטירע מיט אַ פּרווו אויסצוגעפֿינען ווער עס זײַנען געווען זײַנע זעקס רעדאַקטאָרן. דאָס זײַנען געווויס געווען ייִדישע סטודענטן פֿון מזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן אין בערלין. דאָרט איז געווען אַ שטיקל ייִדישער קולטור־צענטער מיט אַ חשובֿער גרופּע פֿון ייִדישע שרײַבער און קינסטלער [מ. י. בערדיטשעווסקי, ש"י עגנון, ה. ד. נאָמבערג, נתן בירנבוים, דוד אײַנהאָרן און אַנדערע].

דער אַרטיקל מאַכט קלאָר די נעמען פֿון די רעדאַקטאָרן און די באַציונג צווישן בערלין און וואַרשע. 'דער אַשמדאי' קאָמבינירט טעקסט מיט קאַריקאַטור אויף אַ הויכן, מאָדערנעם ניוואָ. צוויי פֿון זײַנע יונגע רעדאַקטאָרן, מאיר גראָסמאַן (מאיר'ל) און אבֿרהם מאַרגאָלין (אבֿרהמ'ל) זײַנען שפּעטער געוואָרן חשובֿע שרײַבער און רעדאַקטאָרן אין קיִעוו, לאָנדאָן, אַמעריקע און ארץ־ישׂראל.

* געדרוקט אין זשורנאַל ייִדישע שפּראַך, באַנד 13, נומ' 4, ז"ז 97–108. דער עסיי איז איבערזעצט פֿון ייִדיש.

'דער אַשמדאַי' רעאַגירט אויף דערשײַנונגען אין ייִדישן לעבן דער עיקר אין פּוילן, אָבער אויך אין מערבֿ־אייראָפּע, און שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ דאָקומענט פֿון דער ייִדישער קולטור־געשיכטע.

## ביכער

**מה שראיתי — דער העברעיִשער נוסח פֿון יחזקאל קאָטיקס מײַנע זכרונות, ערשטער טייל, איבערזעצט און קאָמענטירט פֿון דוד אסף, אַרויסגעגעבן פֿונעם 'מכון לחקר התפוצות' בײַ דער אוניווערסיטעט פֿון תל־אביב, תשנ"ט.**

אַ בוך אַ פּראַכט. באַלויכטן מיט אַן אויספּירלעבן אַרײַנפֿיר. דער גלערנטער־היסטאָריקער און פֿאָרשער דוד אסף האָט אַרײַנגעלייגט אַ ים מיט אַרבעט און וויסן פּירבערענגענדיק קאָטיקס אינטערעסאַנטע זכרונות, וואָס ווערן באַלויכטן מיט פֿאַרשטענדעניש און ליבשאַפֿט.

דאָס ייִדישע לעבן אין אַ קליינער שטאָט ווערט פֿאָרגעשטעלט מיט לעבעדיקע פֿאַרבן דורך אַ פֿײַנפֿיליקן קינסטלער. שלום־עליכם איז געווען ממש אויסער זיך פֿון התפּעלות לייענענדיק דאָס בוך. זײַן בריוו איז דאָ איבערזעצט אין סאַמע אָנהייב פֿונעם ספֿר.

בסך־הכול — אַ ווערק וואָס קען עפֿענען טיר און טויער (און אפֿשר אויך הערצער) צו פֿאַרשטיין דאָס ברויזנדיקע לעבן פֿון די פֿאַרגאַנגענע דורות אין דעם שטורמיש צעבוואַליעטן פּוילן.

**שלום לוריא**

Gulles Rozier, *Moyshe Broderzon – Un écrivain yiddish d'avant-garde*, Presses Universitaires de Vincennes,1999, 280 pp.

די רעצענזיע באַהאַנדלט דאָס בוך פֿונעם יונגן פּאַריזער פֿאָרשער זשיל ראָזיע וועגן משה בראָדערזאָן, וואָס איז דערשינען אויף פֿראַנצייזיש אין אַן אַקאַדעמישן פֿאַרלאַג, אין 1999. דער פֿראַנצייזישער לייענער איז שוין באַקאַנט, אַ דאַנק אַ ריי איבערזעצונגען אין די לעצטע צענדליקער יאָרן, מיט די ווערק פֿון די וויכטיקסטע שרײַבערס פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, און ער וועט דערפֿאַר זיך ניט חידושן וואָס מע לייגט אים פֿאָר אַ בוך וועגן אַ ייִדישן אַוואַנגאַרד־שרײַבער. משה בראָדערזאָן (1890–1956) איז געווען אַ טיכטיקער און פּאָפּולערער שרײַבער צווישןביידע וועלט־מלחמות און דער ציל פֿון זשיל ראָזיעס בוך איז אים פֿאָרצושטעלן ווי אַ בולטן פֿאָרשטייער פֿון דעם נײַ־

אָריענטירטן גײַסט, וואָס האָט באַהערשט די ייִדישע ליטעראַטור אין פּוילן אין איר בלי־תּקופֿה. נעמענדיק אין באַטראַכט אַז משה בראָדערזאָן איז גאָר ווייניק באַקאַנט הײַנט צו טאָג (נישט נאָר אין פֿראַנקרײַך), ברענגט דער מחבר אַ שלל מיט וויכטיקע אינפֿאָרמאַציעס אין די פֿאַרשיידענע קאַפּיטלען פֿון בוך, אין די הערות און אין די ביבליאָגראַפֿישע רשימות. דעם שרײַבערס ביאָגראַפֿיע, ווי אויך היסטאָרישע געשעענישן און קולטורעלע דערשײַנונגען, וואָס האָבן געווירקט אויף אים און אויף זײַנע מיטצײַטלערס, די אַוואַנגאַרדישע שרײַבערס און קינסטלערס, דינען ווי אַ פֿאָן פֿאַר די מער פּרטימדיקע אַנאַליזן פֿון בראָדערזאָנס עסטעטישע השׂגות און זײַנע פֿילמיניקע ליטעראַרישע שאַפֿונגען. צוזאַמען מיט אַ קליינער אַנטאָלאָגיע פֿון בראָדערזאָנס פּאָעזיע, וואָס ראָזיע לייגט פֿאָר דעם לייענער אין ייִדיש מיט אַ פּאַראַלעלער פֿראַנצייזישער איבערזעצונג, און אַ ריי אינטערעסאַנטע אילוסטראַציעס, שטעלט דאָס דאָזיקע בוך מיט זיך פֿאָר אַ גאָר פֿײַנעם אַרײַנפֿיר צום שאַפֿן פֿון אַ ייִדישן אַוואַנגאַרד־שרײַבער.

ווערא סאָלאָמאָן

**יחיאל שיינטוך, ברשות הרבים וברשות היחיד — אהרן צייטלין וספרות יידיש, הוצאת הספרים ע״ש י״ל מאגנס, האוניברסיטה העברית, ירושלים 2000, 374 עמודים.**

יחיאל שיינטוך, וואָס גיט זיך אָפּ כּידוע שוין לאַנג מיט פֿאַרשיידענע געביטן פֿון אַהרן צייטלינס שאַפֿן, פֿאַרבעט די לייענערס אין זײַן נײַ בוך **ברשות הרבים און ברשות היחיד — אַהרן צייטלין און די ייִדישע ליטעראַטור** זיך צו באַקענען אויף אַ מער אינטימען אופֿן מיט דער דאָזיקער וויכטיקער קולטורעלער פּער־זענלעכקייט. אינעם פּרעכטיק אַרויסגעגעבענעם באַנד ווערן געבראַכט 128 בריוו, ס׳רוב אויף ייִדיש און אַ קליינע צאָל אויף העברעיִש, וואָס צייטלין האָט געשריבן דער עיקר צו פֿרײַנד שרײַבערס צווישן 1914 און 1938. יחיאל שיינטוך האָט נישט נאָר צונויפֿגעקליבן און דעשיפֿרירט די בריוו, וואָס ווערן דאָ געדרוקט אין זייער אָריגינעלן לשון, נאָר אויך גרינטלעך אויסגעפֿאָרשט אַלע ביאָגראַפֿישע, געזעלשאַפֿטלעכע און ליטעראַרישע ענינים וואָס ווערן דערמאָנט אין זיי. וויכטיקע טעמעס פֿאַרבונדן מיט צייטלינס טעטיקייטן אין דער תּקופֿה ווערן באַהאַנדלט אינעם ברייטן אַרײַנפֿיר אויף העברעיִש און יעדער בריוו ווערט באַגלייט מיט א ריי נייטיקע און באַלערנדיקע הערות, אַלע אויף העברעיִש. די כראָנאָלאָגישע רשימה פֿון די בריוו, און דער עיקר די פּרטימקיע זוכצעטלען פֿון די נעמען און טעמעס וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם רײַכן באַנד קענען העלפֿן דעם לייענער גיך צו געפֿינען די פּרטים וואָס אינטערעסירן אים.

ווערא סאָלאָמאָן